**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/2/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מעלדט טרעיד מיסיע צו די קאריבעאן ראיאן**

***עמפייער סטעיט אנטוויקלונג'ס גלאבאלע NY'ס מיסיע צילט צו פארמערן עקספארט און פרעמדע דירעקטע אינוועסטירונג פאר ניו יארק ביזנעסער***

***מעלדונג שפיגלט אפ גאווארנער'ס פארשטערקערונגג פון עקאנאמישע פארטנערשאפט צווישן שניו יארק און ראיאן נאך עפענען קאריבעאן טרעיד אפיס לעצטע יאר***

גאווארנער האקול האט היינט געמאלדן א טרעיד מיסיע צו די קאריבעאן אין דעצעמבער 2024, וועלכע וועט ברענגען ביז צו צען ניו יארק-באזירטע קאמפעניס צו צוויי קאריבעאן פעלקער, געצילט צו עפענען און פארמערן עקספארט באמיאונגען אין די עקאנאמיש וויכטיגע ראיאן, וועלכע איז א וואקסנדע מארקעט פאר ניו יארק סטעיט ביזנעסער און געמיינדעס. די גאווארנער האט געמאכט די מעלדונג דעם צופרי ביי די וועסט אינדיען אמעריקאנער טאג קארניוועל אסאסיעישן פרישטאג.

"ניו יארק און די קאריבעאן ראיאן טיילן זיך מיט פילע קולטורעלע, היסטארישע, און עקאנאמישע פארבינדונגען," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "די טרעיד מיסיע וועט פארשטארקערן די פארבינדונגען אזוי אז ניו יארק-באזירטע ביזנעסער קענען בויען און וואקסן טיפערע פארטנערשאפטן דורכאויס די קאריבעאן, און טרעפן עקאנאמישע געלעגנהייטן אין די לעבהאפטיגע קאמערציאלע מארקעטס וואס וועט בענעפיטירן אונזער עקאנאמיע און מוטיגן ארבעט-שאפונג דורכאויס די סטעיט."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער האופ נייט האט געזאגט,** "גלאבאלע oNYW מיסיעס - ספעציעל צו אזא וויכטיגע ראיאן ווי די קאריבעאן - שלאגט פאר אויסערגעווענליכע געלעגנהייטן פאר ניו יארק-באזירטע ביזנעסער צו וואקסן און זיך פארברייטערן דורך דערגרייכן נייע אינטערנאציאנאלע מארקעטס פאר זייערע סחורה און סערוויסעס. עמפייער סטעיט אנוויקלונג טוט אלעס וואס מיר קענען צו שטיצן ביזנעסער'ס סוקסעס, אריינגערעכנט זיך קאנצענטרירן אינטערנאציאנאל, וואס בברענגט א שטופ צו אונזער עקאנאמיע און שאפט מער גוט-צאלנדע ארבעט פאר ניו יארקערס."

די טרעיד מיסיע, אויסגעצאלט דורך עמפייער סטעיט אנוויקלונג'ס גלאבאל NY אפטיילונג, וועט ארגאניזירן צייטן און באגעגענישן מיט לאקאלע עקספערטן אויף הויפט טעמעס אזוויי טרעיד און שטייער פאליסי צו שטיצן די ביזנעסער'ס סוקסעס אין די קאריבעאן. די טרעיד מיסיעס וועט אויך צושטעלן ביזנעס-צו-ביזנעס (B2B) באגעגענישן פאר אנטיילנעמענדע מיט פאטענציאלע קויפערס און דיסטריבוטערס. קאמפעניס קענען זיך אנגעבן צו האבן א טייל פון זייערע רייזע קאסטן צוריקגעצאלט דורך די גלאבאל NY סטעיט טרעיד פארברייטערונג פראגראם (State Trade Expansion Program, STEP).

**איבער גלאבאל NY**

גלאבאל NY, אן אפטיילונג פון עמפייער סטעיט אנטוויקלונג, שטעלט צו פינאנציעלע און טעכנישע הילף וואס קען פארמינערן די קאסטן פון עקספארטירן פאר ניו יארק ביזנעסער און ארגאניזאציעס וואס פרובירן זיך צו פארבינדן מיט די איבעריגע טייל פון די וועלט. שטיצע פאראן רעכנט אריין גרענטס און הלוואות צו העלפן קוואליפיצירטע קלענערע און מיטלמעסיגע ביזנעסער וואס זוכן אנצוהויבן אדער העכערן זייערע גלאבאלע עקספארטן און נאָנפּראָפיט ארגאניזאציעס וועלכע גיבן עקספארט הילף און האנדלעריי בילדונג פאר ניו יארק סטעיט קאמפאניס. פאר מער אינפארמאציע, ביטע באזוכט www.esd.ny.gov/global-ny-export-assistance.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן